# ניי־אידיש

מאנאטשריפט פאר ליטעראטור און קונסט

רעדאקטאר: אברהם רייזען

יאנואר. העפט 7—6. 1923

ב. גראבארד:

## טראדיציע אין דער אידישער ליטעראטור

שטודירנדיק די אידישע ליטעראטור פון אירע ערשטע קינדער־יארן ביז איר היינטיקער דערוואקסנקייט, ווארפט זיך אין די אויגן א מערקווירדיגע דערשיינונג. עס איז נישטא אין איר קיין אייגהייטלאכע טראדיציע. עס פעלט אין איר דער זיידענער שנור, וואס זאל צוזאמענהאלטן אלע דורות פון אונזער ליטעראַרישער שאפונג. עס איז פאראן אידישע טראדיציע דא און דארט. אבער עס פעלט אן עסטעטישע טראדיציע. עס פעלט דער פאדים, וואס ווערט דיקער און שענער מיט'ן וואוקס און אנטוויקלונג פון דער ליטעראטור. ביי אונז איז דער פאדים אן איבערגעריסענער, ניט גלייכער. עס פילט זיך ניט דאס בײנקען און שטרעבן, דאס קעמפן און זוכן צו באשאפן שיינקייט, עסטעטישע ווערטן, א זאך וואס פילט זיך אין אלע אנדערע ליטעראטורן. קומט א נייער דור קינסטלער, מאכט ער זיך אן אפעראציע צו פארגעסן אלע פריערדיקע אנשטרייננגונגען, אלע פריערדיקע שאפונגען, שאפט זיך איין נייע שפאקולן, נייע וועב־מאטעריאלן, און הויבט אן אויף דאס ניי. מען פארגעסט, א טייל בכיון, און אנדערע אן אבויכט, אז דער פריערדיקער דור האט געקעמפט מיט ווילן און התמדה, נאר מיט באגרענעצטע מיטלען צו שאפן שיינקייט. ער האט געקעמפט מיט זיינע באגרענעצטע כוחות צו הארמאניזירן זיין ווילן, פארפולקאמען זיין אייגן לעבן.

מען האט אונז אלע מאל איינגעוויגט, און אונז די אויגן פארמאכט מיט א ליד פון מאי קא משמע לן. און דערפאר זוכן מיר אין אונזער ליטעראטור בלויז אן ענטפער צו דער פראגע, א באשייד פאר'ן ווינ־ליד. און מיר געפינען דעם ענטפער, א בעסערן צי אן ערגערן, א ברייטערן צי

Neo-romantic manifesto
clearly akin to Reisin

עס איז דערשינען פון פאר־לאג „פעדער" א בוך לידער

„א ר ו ם מ י ר"

— פון —

י. ל. קאלושינער

מיט באצירונגען

פון ז. מאוד.

צו באקומען אין אלע בוך־האנדלונגען.

קלאסישע און מאדערנע ליטעראטור

אין פארלאג „קולטור" איז ערשינען אין אידיש דאס גרויסע קלאסישע ווערק פון דעם גרעסטן רוסישן רעאליסטישן קלאסיקער גאנטשאראוו דער בארימטער ראמאן

א ב ל א מ א ו ו

פראכטפולער אויסגאבע.

א בוך ראמאנען און ערצעהלונגען פונ'ם נייעם אידישען לעבען אין ארץ ישראל. פון דעם בארימטען יונגען אידישען קינסט־לער ת ל ו ש.

א בוך נאוועלען פון דעם אידישען לע־בען אין אמעריקא פון דעם יונגען באדער־מטען קינסטלער ברוך גלאזמאן.

אויך באזונדערע לידער זאמלונגען פון ז. וויינפער, יעקב גלאטשטיין, משה שיפרים, מאקס ארלין און אידא גלאזער.

פארלאג קולטור, 48 קאנעל סט.

מיילאד'ס רעסטאראן

388 גרענד סט., נ. י.

געזונטע מילכיגע און פליישיגע מאכלים אלעמאל ביי אונז צו באקומען.

J. MALICH

388 Grand St., New York

איראן

פריפעראטארי סקוהל

איז א חיכטיגער קולטורעלער אנשטאלט אין אידישען ניו יארק. אלע געגענשטאנדען ווע־רען געלערנט פון ערפאהרענע און קאמפעטענ־טע לעהרער.

לערנט ענגליש. — קלאסען אין ענגליש פון איי בי סי, ביז שרייבען, רעדען און לעזען. אויך קלאסען אין פריוואטים.

אלע געגענשטאנדען, וואס זיינען נויטיג אויף אריינצוקומען אין אוניווערזיטעטן, ווערען דארטן אונטערריכטעט.

— פריהכארבן און אווענט קלאסען —

די איראן פריפעראטארי סקוהל

געפינט זיך אויף

185-187 איסט בראדוויי, ניו יארק

יוסף איראן, פרינסיפאל.

מאשקאוויטש'עס רעסטאראנט

158 איסט האוסטאן סט.

איז א פלאץ וואו איהר באקומט די בעסטע כשר'ע אידישע מאכלים און הערט די שענסטע אידישע ניגונים (געשפילט פאר קט פון גרויסן ציטבל־קינסטלער ת. מאש־קאוויטש אליין) און וואו איהר טרעפט די פיינסטע געסט און קינסטלער.

— פארגעסט ניט —

מאשקאוויטש'עס רעסטאראנט,

158 איסט האוסטאן סט.

פ סיפערן אויף דער אייביקער פראגע. אזוי האט מען אונז איינגעשמועסט, אז מענדעלע האט אונז בעלעהנט רחמנות האבן אויפ'ן אידן, שלום-עליכם האט אונז געוויזן, אז מען קאן דעם אידן ליב האבן, און פרץ, אז מיר דארפן שטאלץ זיין אויפ'ן אידן. רייזין האט אונז באוויזן דאס ליטווישע שטעטל, דאס לעבן, די ארמקייט און דחקות, דעם שמוץ און בלאטעס, תאסנונגען און אנטוישונגען אן א פירוש, אן א באשייד. אש האט אונז געצייגט דאס געזונטע און שטארקע אין שטעטל, דאס ראמאנטישע אין „מערי", און אזוי כסדר האט אונז יעדערער עפעס באוויזן, ניט געוויזן באזונדער געפלאכטענע פעדים, וועלכע דער באאבאכטער אדער קריטיקער, אויב ער האט געהאט א זין פאר גאנצקייט און הארמאניע, ניט פאר שיינקייט, האט פרובירט צוזאמענקלעפן מיט געוויסער עטישער פליסיקייט און באשאפן אן ענטפער צום גרויסן מאי קא משמע לן. די זעלבע מאס, און דער איינענער צונויפקלעפונגס פראצעס איז אויך אנגעווענדט געווארן אויף פריערדיקע, אזוי גוט ווי אויף שפעטערע אידישע שרייבער. און מען האט געלויבט אדער געטאדלט לויט דער שטארקייט פונ'ם עטישן צעמענט. מער האט מען ניט געזוכט. אבער באמת האבן דאך די גרעסטע צאל פון אונזערע שרייבער, מיט גרעסערן אדער קלענערן ערפאלג, פרובירט געבן, יעדערער אויף זיין שטיינער, מיט זיינע מיטלען און אינדיווידועלן עס-טעטישן באגאזש פרובירט באשאפן קונסטווערקן, אידישע עסטעטישע ווערטן, אומאפהענגיק פון וועלכער עס איז עטישער טרייבקראפט.

ליניעצקי אין „פוילישן אינגל" האט פרובירט געבן זיין עסטעטישע פערזענלאכקייט. אמת, דער באגאזש איז אן ארימער, איז אבער די צייט און אויך די אידישע שפראך געווען ארם דאן. מענדעלע אין זיין „טאקסע", „פישקע דער קרומער", „די קליאטשע" און אנדערע ווערק האט געגעבן אידישע עסטעטישע שאפונגען. ער האט געפלאכטן טראדיציע. זיינע העלדן זיינען דאך ניט געווען ערשט געבוירענע. זיי האבן דאך געהאט אין זיך איינגעזאפט אידישע שיינקייט, אידישע געוויינהייטן פון יארן און יארהונדערטער. שלום-עליכם'ס יששכר און זבולון, טביה און מנחם-מענדל זיינען דאך טראדיציאנעל אידישע מענטשן, וועמען שלום-עליכם האט אריינגעבלאזן א אידישע נשמה. און זיי זיינען זיכער עפיטאמען פון לעבעדיקייט און שיינקייט ווי וועלכע עס איז אנדערע העלדן אין דער וועלט-ליטעראטור. רייזין, געבנדיק אונז זיינע האלב-אינטעליגענטן און שיינע אידן; רייזין, פארווארפנדיק א שטריק אין נאענטן עבר, האט באשאפן אידישע שיינקייטס מעטאדן, אידישע עסטעטיק. פרץ, אין זיינע חסידישע מעשה'לאך, אין זיין „גאלדענע קייט" און אנדערע ווערק, האט אונז געגעבן דעם פיינסטן ראמאנטיזם. ניט דערפאר, ווי ניגער וויל האבן, ווייל די געגנווארט איז געווען נישטיק, נאר דערפאר, ווייל פרץ'עס עסטעטישער חוש, זיין שאפונגס ווילן האט זיך צונויפגעגאסן מיט'ן אידישן עבר. פונקט ווי ביי רייזינען האט זיך דער זעלבער ווילן מאניפעסטירט

אין שאפן רעאלע און האלב רעאלע פאר'חלום'טע העלדן. ציט זיך דער זעל-בער אידישער שאפונגס מאטיוו אין אש'ס שטעטל, אין זיין „מערי", און איבערהויפט פילט זיך גרויסער פארנעם אין זיין „קידוש-השם". פילט זיך א אידישער שאפונגס מאטיוו, אידיש טראדיציאנעלע קלאנגען, אין איינהארנס „צביה" און אין זיינע „לידער צו א אידישער טאכטער". אמת, שלעכטע לידער, אן עסטעטיק, אבער אידיש טראדיציאנעלע מאטיוון זיינען זיי. שפינט זיך דער זעלבער פאדים אין די פארפלאנטערטע, נעבלהאפטע, אומעסטעטישע דערציילונגען פון נסתר. פילט זיך א אידישער שטראם אין זיינע לעגענדארע וואנדערונגען, הערט זיך די אידישע שטים אין די האלב עטישע, האלב מאדערנע נקמה געזאנגען פון ל. שאפירא. איז זיין „אידישע מלוכה" א דינער רינג אין אונזער גאלדענער קייט. הערט זיך די אייביק אידישע שטים, אמת זייער פיא:יסימא, אין האלפערנס „נאכט" און א ביסל העכער אין זיין „אין דער פרעמד". גייט דורך דער איינענער שאפונגס מאטיוו, דער טראדיציאנעל אידישער, אין צייטלינס „סטטרון", אין דעם יונגן בראדערזאנס קינדער-מעשה'לאך. פילט זיך דער זעלבער טאן אן אויסגעמאטערטער ביי מאריס ראזנפעלד, אין זיינע נא-ציאנאלע מאטיוון. הערט זיך אן עכא פון אונזער אמאל אין די לידער פון ליעסין. שטראמט די אידישע טראדיציע אין די לידער פון מנחם, ספעציעל אין זיין „רינג אין דער קייט", כאטש עסטעטיש פון קליינער באדייטונג. גיסט דער שטראם מיט א שטארקן טעמפא אין וויינפערס „גרעבליע" און אין זיינע פאלעסטינע לידער. הערט זיך דער אידיש מיסטישער קלאנג אין פיל אנדערע אידישע שאפונגען. לעבט אבער אונ-זער קינסטלערישער דור יעדער באזונדער. הויבט אן אויף דאס ניי זיין קינסטלערשן מעשי בראשית, באשאפט איזאלירטע קונסט ווערטן און ארטיסטישע פארמען, און האלט פאר זיין ערשטן חוב לחלוטין אפצר לייקענען, איננאנצן צו באזייטיקן די ארבעט פון די פריערדיקע דורות און זייערע ווירזיעס. און אזוי ערנאך זיינען שטימען, כאטש זיי קומען פון דעם זעלבן קוואל, ניט פארבונדן, עס פליסן פארשיידענע שטראמען, מיט פארשיידענער קראפט. עס פעלט דער הארמאנירנדער ריטם, דער איינהייטלאכער קלאנג. עס פעלט דער עסטעטישער פאדים, וואס זאל פאראייניקן אלע דורות.

האט ביי אונז ר' נחמן בראסלעווער באשאפן אדער איבערדערציילט א וואונדערבארע לעגענדע, א לעגענדע וואס איז פאנטאסטיש און רייך גענוג צו שפייזן דורות קינסטלער. די לעגענדע איז גרויס און סובלים גענוג צו ווערן א לייטנדער מאטיוו און סטימולאנט פאר דיכטער פון אלערליי קאליברעס און שאטירונגען, פאר קינסטלער פון אלערליי שולעס און סענ-סיבילימעטן. יעדער דור האט איר געקאנט געבן איר חותם און עסטעט-טישן באשייד. האט מען אבער מורא נישט צו זיין אריגינעל, מען האט מורא זיך צוצורירן צו „אלטען שטויב". די מעשה מיט די זיבן בעטלער,

Tradition = use of Jewish national imagery

פיט'ן הארץ פון דער וועלט, מיט איר גאנץ רייכן פיקאזאפישן און פאע־טישן קאלארים. די גאנצע קאליידאסקאפישקייט פון בילדער און סאציון איז רייך און קאלירפול גענוג צו שפייזן סיי אלטע, סיי נייע דיכטער. שרעקט מען זיך די לעגענדע צו בארירן, ווייל עס איז קעגן מאדערניזם. אונזערע מאדערנע דיכטער, ווי די אינזיכיסטן, נאטירלאך בלויז די וואס זיינען מער אדער ווייניקער קינסטלער, און אונזערע מא־דערנע ווארשעווער, אוקראינער און רוסישע עקספרעסיאניסטן, האבן מורא אנרירן א אידישע טעמע. עס וועט קאליע מאכן די עסטעטיק. זייער מאדערנעם עקספרעסיאניזם. זיי ווייסן ניט, אז מען קאן דער אידישער טראדיציע, דער אידישער לעגענדע, געבן אפילו אן עקספרעסיאניסטישן אויסדרוק. זיי האבן מורא, און אפשר האבן זיי קיין כוח ניט. און דער אמעריקאנער דיכטער ט. ס. עליאט האט גאר ניט קיין מורא און שרייבט אן א פאעמע „דאס חרוב'ע לאנד", וואס איז געבויט אויף דער קריסט־לאכער לעגענדע וועגן דעם הייליקן גואל. אבער ער גיט דער לעגענדע א מאדערנעם באשייד, דעם אויסדרוק פון דער היינטיקער צייט. ער גיט דער לעגענדע זיין עסטעטישן חוש, זיין סענסיטיוויטעט, זיין שיינקייט זין, זיין דיכטערישע פערזענלאכקייט, דעם אנגעוויטאגטן פעסימיזם פון דעם מאדערנעם מענטשן מיט זיין גאנצן צווייפל און הילפלאזיקייט. האט, למשל, אן אנדער פאעט, ראבינסאן, זיך ניט געשעמט איבערצוזינגען טעניסאנס איבערגעזונגענע אידיליע פון קעניג ארטורס „קיילאכיקן טיש". און האט אנגעשריבן „מוירלין" און „לאנסעלאט" און זיי געגעבן זיין רייכן, סובטילן, פאעטישן חוש, און זיי זיינען נייע לעגענדעס געווארן, נייע געזאנגען, מיט אן אנדערן אינהאלט. אנדערע מענטשן, און א גאנץ אנדער פסיכאלאגיע. יעדעס פאלק האלט אין איין איבערזינגען זיינע לעגענ־דעס, האלט אין איין איבערשאפן זיינע מיטן, און יעדער דור זינגט אויף זיין שטייגער, מיט זיין אויסדרוק, גיט עס זיין וויזיע, זיין עסטע־טישן חוש. האבן אזוי פיל דייטשן איבערגעזונגען די ניבעלונגען־לעגענ־דעס, דעם גאנצן ציקל פון „ריין" לעגענדעס. האבן די נארוועגער צום וויפלטן מאל איבערגעזונגען זייערע אלטע לעגענדארע „זאגאס". האלטן די אירישע אין איין איבערזינגען זייערע מעשה'לאך און געבן זיי נייעם אינהאלט, א נייעם שוואונג. דאס זעלבע די ענגלענדער, פראנצויזן, רוסן, איטאליענער. אלע האבן זייערע לעגענדעס אין קונסט ווערק פאר־וואנדלט. און ביי אונז ליגן אזוי פיל לעגענדארע פערל, אזוי פיל טייערע אוצרות פונאנדערגעשפרייט אין די מוסר ספרים, אין דער מסורה, אין תלמוד, אין חסידישע ספרים, און קיינער נוצט זיי ניט. האט לייוויק יא געוואגט און געמאכט א העראאישן פארזוך איבערצוזינגען א שוין געזונ־גענע לעגענדע ביי פרישמאנען, האט ער זי בלויז איבערדערציילט, און איר געגעבן א רמז פון אונזער צייט און א פאר פאעטישע און סימבא־ליסטישע קאמענטארן. צי ווייל ער האט זיך ניט גענוג פארטיפט, צי ווייל



ער האט קיין כוח ניט געהאט. ער האט דער גרויסער לעגענדע ניט געגעבן דעם אמת'ן עסטעטישן זין. און אפשר האט אים געשטערט דער רעליגיעזער מאטיוו. אפשר האט אים די משיח אידייע באגרענעצט. אבער א פארזוך איז דאס געווען א גרויסער. עס איז בלויז א שאד, וואס פיינער וועט זיך שוין צו דער לעגענדע ניט צורירן. באארבעטע ערד. און יעדער אמת'ער פאעט וואלט דאך דער לעגענדע געקאנט געבן א נייעם אינהאלט. האט איגנאטאוו פרובירט אריינגעבן א מאדערנעם אינהאלט, אן עסטעטישן זין אין די אויבנדערמאנטע בראסלאווער מעשיות און איז אויך נישט אויסגעוואקסן צו די הויכע אידייען און טיפן אינהאלט פון מאטעריאל, און נישט קאנענדיק איבערזינגען, האט ער איבערדערציילט. כאטש זיין ברוך פון „קעסל גרוב" איז יא א פיינער פארזוך איבערצושאפן אידישע ווערטן עסטעטיש. עס פילט זיך דאך דער זיידענער פאדים פון דער אידישער טראדיציע. אפאטאשו האט פרובירט געבן די גרויסע עפאפייע. ער האט פארזוכט אויפלעבן און צוזאמענבינדן צוויי דורות, רביים, חסידים, וואלד סוחרים. און פרובירט אריינוועבן די אידישע לעגענדע. האט ער אבער קיין כוח ניט געהאט איבערצודיכטן, לייגן זיין חותם, זיין עסטעטישן איך אויפ'ן געוועב, און עס איז ארויסגעקומען א סך איבערדערציילטער מאטעריאל אן א פארבינדענדן פאדים, אן א פערזענ־לאכן ריטם, אן דער עסטעטישער דערפארונג פון היינטיקן דור. פינסקי האט פארזוכט אריינגעבן זיין איך אין היסטארישע טעמעס, אין פארגאנ־גענהייטס סוזשעטן, און מער ווי זאמדיקע פיס־טרים פילט זיך ניט. קיין פלינגלען זיינען ניטא. יהואש האט זיך שוין פארטיפט און פרובירט ארייג־דרינגען אין אונזער עבר, האט אים אבער צייטנווייז זיין צו גרויסע אינ־טעליגענץ געשטערט. האט ער בלויז אינטעלעקטועלע פאדים געפלאכטן. אונזערע גאר יונגע דיכטער האבן דעם פאדים אינגאנצן ניט דערזען און זיי:ען אוועק אין איראפע זוכן טעמעס, און זיי גיבן אונז פארוואסערטע איראפייאישע דעקאדענץ.

וואס איז איינגנטלאך דער הויפט שטראם אין אונזער ליטעראטור? עס איז א טרואיזם, וועלכער מוז אפט ווידערהאלט ווערן, אז די אנט־וויקלונג פון דעם קינסטלערישן אויסדרוק ביי א פאלק קאן איינגעטיילט ווערן אין דריי הויפט־טיילן. ערשטנס, דער פארמירנד שאפנדער פעריאד, ווען די קונסט פארגרינגערט און מאכט לייכטער אונזער לעבן, אויפ־קלערנדיק אונז וועגן דאס געהיימע און מיסטעריעזע. פאעטישע און פלאסטישע קאנצעפציעס פאריינפאכן, קאארדינירן און טראנספיגורירן אלץ אויסערלאך. קונסט האט דאן א רעליגיעזע אינספיראציע, איז רע־ליגיאן אן ארטיסטישן אויסדרוק. דער אויסדרוק פון דער קונסט אין דעם פעריאד איז אלע מאל אן אוניווערסאלער. די טעמע איז וויכטיקער ווי דער קינסטלער. גרויסע קונסט פארמען קאנען דאן באשאפן ווערן, וועלכע זאלן עפיטאמיזירן די ציוויליזאציע פון נאציעס און פעלקער און



Why aren't legends and myths being reworked by our modernists? Eliot & Robinson could do it!

רסן. אַרינינאַליטעט אַדער אינדיווידואַליטעט איז נים נויטיק. דיזע פעריאַדע איז געווען די ביבל שאַפנדע צייט. די צווייטע פעריאַדע איז די קלאַסישע פעריאַדע, ווען רעליגיע איז שוין מער נים דער אינספּירירנדער עלעמענט. זי פאַרלירט שוין דאַן די הייליקייט, און יחידים מאַניפּולירן שוין די איבערגעבליבענע פאַרמען לויט זייער אייגענעם ווילן און פאַרגעניגן. דער דריטער פעריאַד אַדער דעקאַדענטישער פעריאַד קאָן מען דערקענען ביי דעם פאַרשווינדן פון אַלע טראַדיציאַנעלע פאַרמען. די הויפּט שאַפער צייכענען זיך אויס מיט פערזענלאַכקייט, מיט אַ סאַציאַלער אַדער עטישער ווייזיע. אינדיווידואַליטעט און אַריגינאַליטעט זיינען די הויפּט סימנים פון דער פעריאַדע. נאַטירלאַך ווערן אַפט נייקייט און עקזאַטישע פאַרמען פאַרביטן פאַר אַריגינאַליטעט.

(2) Classical

(3) Decadent

מיר האָבן זיכער געהאַט אונזער ערשטן פעריאַד, ווען אונזערע רעליגיעזע זינגער און נביאים האָבן זייערע נאַציאָנאַלע און עפּישע „כה אמר יהוה'ס" געזונגען. אונזערע אַנדערע צוויי פעריאָדן זיינען שוין צומישטע און נים קלאָר באַצייכנטע, און בלאָנדזשענדיקע. און דאָ איז די טראַדיציע גלייך פאַרלאָרן געגאַנגען. דאָ האָט זיך אונזער דראַנג פאַר שיינקייט אָפּגעשטעלט. מיר האָבן די טראַדיציע ווייטער נישט געצויגן. די לעגענדע וואָלט אפשר געקאָנט ווערן דער פאַרבינדענדער רינג. מיר וואָלטן געקאָנט זינגען רעליגיעזע אָן רעליגיע, מיט שיינקייט אַלס רעליגיע, מיט עסטעטיק אַלס טרייבקראַפט, אָבער מיר האָבן דעם שנור פאַרלאָרן, און אונזערע קינסטלער האָבן אים פאַרזען.

no continuity

מיר קאָנען דאָך נים אָפּלייקענען, מיר זיינען אַנדערש פון אַנדערע פעלקער. און עס איז שווער פאַר אונז זיך צו צופּאַסן און אַקלימאַטיזירן צו יעדער ליטעראַרישער ערשיינונג אין אייראָפּע און איר קאָפּירן ביי אונז. מיר מוזן זוכן אונזער אייגענעם אויסדרוק, אונזער אייגענע טראַדיציע. כאָטש אונזערע מאָדערנע ניו יאָרקער דיכטער ווילן זיך איינרעדן, אַז זיי זיינען די זאַך, זיי זיינען ניו יאָרק. ערשטנס, זיינען זיי עס נים. צווייטנס, וואָלט עס געווען דיכטעריש פאַלש, ווען זיי וואָלטן עס אַזוי שנעל געוואָרן. מיר ווערן נים אַזוי לייכט די זאַך, ווען די זאַך איז ניו יאָרק. מען קאָן זי אפשר אויבערפלעכלאַך אויפכאַפּן. מיר ווערן אָבער מער די זאַך אינערלאַך, ווען מיר ווערן דער איש של אמת, וואָס קלייבט חסדים של אמת. אָדער מיר ווערן לייכטער די זאַך, ווען דאָס איז די בראַנער לעגענדע. מיר ווערן לייכטער לעגענדאַרישע מענטשן, מיר ווערן אפשר לייכטער מיסטישע אַזיאַטן, ווען מיר פאַרטיפן זיך אין אונזער עבר. מיר קאָנען זיך לייכטער אַריבערטראָגן אין די טראָפּישע לענדער, נאָר מיר פאַרגוואַלטיקן אונזער איך אום צו זיין מאָדערן.

די אינדיער, למשל, זעצן פאָרט אין זייערע דיכטונגען זייערע אַלטע לעגענדעס. אין אינדיע, וואו אַ פאַנטאַסטיש לוקסוריעזע נאַטור באַלויכט און פאַרכאַפּט דעם מענטשן, וואו נייע איינדריקן קומען און גייען יעדן טאָג מיט דער שנעלקייט פון ווינטן, זיינען די דיכטער פונדעסטוועגן באַהערשט פון דער לעגענדע. אין אינדיע, וואו די איבערפליסנדע ווייטאַליטעט פון נאַטירלאַכע קרעפטן לאָזט נים דעם מענטשן באַזייטיקן די נאַטור פון זיין לעבן, רייסט ער זיך פונדעסטוועגן צו די הימלען, און באַשאַפט און היט זיינע לעגענדעס. דאָרט קאָן דער מענטש קיינמאָל נים ווערן דער הערשער איבער דעם כאַאָס פון דער נאַטורס גיגאַנטישער פרוכטבאַרקייט. בלייבט ער בעסער איר ברודער, ער בלייבט אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער נאַטור. אין אינדיע לעבן מענטשן און חיות אינטים אַפילו אין אונזערע מאָדערנע טעג. אָט דער געפיל פון איינהייט, פון אידענטיטעט, ווערט אויסגעדריקט אין די ערשטע שאַפונגען זייערע, מיט איבערמענטשלאַכער קראַפט. עס ווערט אויסגעדריקט אין דער „ריגוועדא", אין דעם געזאַנג פון איינהייט, אָדער אין דעם הימן פון באַשאַפונג און אין די גרויסע מיסטיש רעליגיעזע שאַפונגען. דעם העכסטן סינטעטישן אויסדרוק געפינט די איינהייט אין די פּלאַסטישע קונסטן. און אַזוי האָבן זיי זייערע געטער באַשאַפן. „גענעשאַ", „סיווי" און אַנדערע. און אָט די איינהייט פילט זיך ביי אַלע אינדישע שרייבער, פון די נאָר ערשטע ביז טאַגאָר.

Tagore?

געפינט מען אַזאַ איינהייטלאַכן שאַפונגס שטראָם אין אונזער ליטעראַטור? לויפט דורך אַ מיסטישער אָדער מעטאַפיזישער פאָדים אין אונזער ליטעראַרישן געוועב? פילן זיך די אידישע מאָניסטישע, אָדער מאָראַלישע שפּילערייען אין די גלגולים פון אונזערע אַלע קינסטלערישע שאַפונגען? ביי אַלע אינדישע דיכטער לויפט דורך דער געדאַנק פון דער קאָלאָסאַלער גרויסקייט פון עלעמענטאַרע כוחות. די מענשליכע עקזיסטענץ ערשיינט אַלס עפּעס אומבאַדייטנדעס, עפעמעראַל און שטיל קעגן דער גיגאַנטישער קראַפט פון דער נאַטור. דאָס לעבן פון חיות איבערשטייגט דאָס מענטשלאַכע לעבן. און חיות ווערן די פאַרשטייער פון דער נאַטור. זיי רעפּרעזענטירן די מענטשלאַכע ווילנס, ליידנשאַפטן און שטרייטיקייטן. דאָס פילט זיך אין אַלע אינדישע שאַפונגען. פילט זיך די געטלאַכע איינהייט אין אונזער ליטעראַטור? פילט זיך אַ ספּעציפיש אידישע ווערטן אָפּשאַצונג? פילט זיך אין אונזער דיכטונג דער גרויסער שרעקעדיקער און באַפעלנדער טאָן פון „כה אמר יהוה"? אָדער פילט זיך די מיסטישע אָבנעגאַציע? איך מיין נאַטירלאַך נים אין איר עלעמענטאַרער פאָרמע. איך מיין אַן אַדורכגעלייטערטע אין די דיכטערישע מעטאָדן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אָבער עס זאָל אין איר פליסן דער זעלבער טראַדיציאָנעלער שטראָם פון אַמאָל. עס איז זייער מעגלאַך, אַז מיר האָבן פאַרלאָרן אונזער שנור ערגעץ וואו אויפ'ן וועג. און אין אונזער פלעכטן אויף דאָס ניי האָבן מיר דעם ריכטיקן מעטאָד נים געפונען. מיר זיינען געוואָרן אוים אָריענ־

No mystical or metaphysical thread in Yiddish as in Indian lit. Because we are trying too hard to be European

מאלן, און מיר מאטערן זיך צו ווערן אייראפעער. זיינען נאך און באשאפן מעכאניש שלעכטע אימיטאציעס פון די דעקאדענטישע שולעס אין אייראפע. דארט, ביי זיי, פאסט עס זיך. עס איז דער נאטירלעכער רעזולטאט פון די פריערדיקע שאפונגען. עס איז דער נאטירלעכער ענטוויקלונגס פראצעס אין דער געשיכטע פון עסטעטישע ווערטן. עס זיינען דא נאטירלאכע גראדאציעס אין דער פארמירונג פון אן עסטעטישן זין ביי א פאלק. אבער ביי אונז זיינען די פארשידענע שולעס אין דער פאעזיע „מיוטאציעס", שפרונגען, וועלכע האבן אפט קיין שום צוזאמענהאנג מיט די פריעריקע דורות. קיין שום טראדיציאנעלע פארבינדונג. און אפשר איז אונזער ליטעראטור אינגאנצן א צופעליקע זאך און איז מיט אונז ארגאניש נים פארבונדן? און אפשר האבן מיר זיך איינגעוויגט אין א פילאזאפיע פון מאי קא משמע קן און מיר רעאגירן אויף איר. מיר זיינען געווארן שקלאפן צו א נערוועזער קאנצעפציע און דאס שטערט אונז באשאפן עסטעטישע ווערטן. אדער אויפלעבן און געבן אן עסטעטישן זין אונזערע לעגענדעס און מיטן.

עדווין מור געפינט א סובטילן און זייער דינעם אונטערשיד צווישן די ליטעראטורן פון די צפון און דרום פעלקער. ער געפינט, למשל, אז דער הויפט מאטיוו פון די דרום־פעלקער איז א שטארקע בענקשאפט צום צפון, אזוי ווי צו א היים פון וועלכער מען איז ארויסגעטריבן געווארן, און צו וועלכער מ'קאן זיך קיינמאל נים צוריקקערן. די בענקשאפט האט א מיסטעריעזן זין, ווי רעליגיעזע מענטשן בענקען נאך א פארלארענעם גן־עדן. אדער ווי פאעטן בענקען נאך זייער פארלארענער יוגנט. עס איז מעגלאך, אז ביי אונז וואלט באשאפן געווארן דער בענקשאפט מאטיוו אין אונזער דיכטונג, מיר האבן נאך וואס צו בענקען, ווען נים די משיח אידעע, וועלכע האט אלע מאל געדינט אלס א שטיל וואסערל, וואס האט געקילט אונזער בענקשאפט און האט זי איינגעשלעפערט, ביז זי האט זי כמעט אינגאנצן אפגעטויט, און זי פארביטן מיט'ן ערלייזונגס מאטיוו, וועלכער איז מסתמא א סך א שוואכערער סטימולאנט צום שאפן ווי דער האפנונגסלאזער בענקשאפט מאטיוו.

Edwin Moore

ביי די דרום־פעלקער געפינט דער בענקשאפט־מאטיוו זיין העכסטן אויסדרוק אין מיניאנ'ס ליד אין „ווילהעלם מייסטער", „קאנסטו דאס לאנד" און היינע אין זיין ליריש געזאנג „איין אייכן בוים שטייט איינזאם" האט געוואוסט, אז שרייבנדיק וועגן דעם ענינמאטיש אין אנדייטונגען, וועלן אים די דרום־מענטשן גוט פארשטיין. אזוי אוניווערסאל איז די עמאציע. די ליבע וועלכע די ענגלישע דיכטער און די דייטשע האבן געהאט פאר קלאסישע טעמעס איז א ליבע, וועלכע זיי האבן אומבאוואוסטזיניק אויסגעדריקט פאר דעם לעבן און די האַרי־



Messianism replaced physical longing as a poetic motif

Neo-classical tendency in German/Eng = longing for the North

זאנטן פון דעם צפון. עס האט זיך אנגעהויבן מיט דעם באגינען פון דער ענגלישער ליטעראטור. טשאוסער האט געהאט די ליבע און זי ווערט פארטגעזעצט פון די מאדערנסטע דיכטער ווי פאונד און ט. ס. עליאט. ביי די דייטשן, דאס דרום'דיקסטע פאלק, איז דאס געווען מער ווי ליידנשאפט. די בענקשאפט צו איטאליע און גריכנלאנד האט זיי פארפאלגט. לעסינג, שילער און געטע האבן זי געזונגען. א געזאנג וואס קוקט אויס פעדאנטיש היינט. היינעס ליבע צום צפון קאן מען זען אין זיינע „רייזע בילדער" און ניטשע איז בלויז געווען פאראינטערעסירט אין גריכנלאנד און פראנקרייך. דאס וואס ער האט געשריבן וועגן דייטשלאנד האט ער געהאלטן פאר אומוויכטיק. הוגא פאן האפמענסטאל איז פונקט אזוי פאראינטערעסירט אין קלאסישן לעבן ווי געטע אין זיין צייט. אין נארוועגיע האט איבסן אויסגעדריקט די זעלבע בענקשאפט אין זיין „קייזער און גאלילייער".

דער דרום בענקט צום צפון, אבער דער צפון, לעבנדיק שטיל און צייטיק, טרוימט בכלל נים. ער איז גאנץ און געענדיקט. און עס איז די גאנצקייט, נאך וועלכער דער דרום בענקט. דער צפון איז אין דער אייראפייאישער ליטעראטור דער „אנאלאג" פון אריסטאטלס גאט. דער פרינציפ, וואס איז אליין אומבאוועגלאך, ציט אבער אלץ צו זיך און רופט ארויס אספיראציעס און ענערגיע. דער צפון האט אריינגעוועבט אין זיין ליטעראטור א וואונדערבארע און טיפע פארמע, און אין לעצטן יארהונדערט האט עס זיך אויסגעדריקט אין ראמאנטיזם. און אט־דער ראמאנטיזם איז א העכערער, ווייל דאס לעבן איז א שטילער און א קאמפלעטער. די צפון פעלקער שטעלט פיינע פארמע צופרידן, ווייל עס איז דער צייכן פון א גאנץ און פארמירט לעבן. ביי די פעלקער פון דרום איז פארמע אן אספיראציע, א שטרעבונג, אפטמאל רעאליזירט. אבער רעאליזירט בלויז מיט אויסערגעוויינלאכער אנשטריינגונג און קאנצענטראציע. אין צפון ווערט פיינע פארמע דערגרייכט נאכפאלגנדיק טראדיציאנעלע פארמען, דעם ספיריטועלן שטראם פון יארהונדערטער, אין דרום דערגרייכט מען עס קעמפנדיק קעגן שטראם. אויך איז א חילוק אין די ליטעראטורן פון דרום און צפון אין זייער בליק אויפ'ן שיקזאל. ביי די צפון פעלקער איז גוט און שלעכט צוויי באזונדערע זאכן, איז דאס ערשטע אזוי ריכטיק און נויטווענדיק ווי דאס צווייטע. און ממילא שפילט דער געוויסן נים אזא גרויסע ראליע. ביי די דרום פעלקער קומט גוט און שלעכט פון איין קוואל, און דער געוויסן שפילט א דאמינירנדע ראליע.

צו וועלכע פון די צוויי שטרעמונגען אין דער אייראפייאישער ליטעראטור געהערט די אידישע? נישט מיר האבן א שטילן געענדיקטן לעבן, און באשאפן פיינע פארמע פארטזעצנדיק א געוויסע קינסטלערישע טראדיציע, און נישט מיר קעמפן קעגן טראדיציע פרובירנדיק צו באשאפן

פארמט. מיר קענען געוויינלאך קענן אייניציקע שרייבער, אבער נישט קענן א געוויסער ליטעראַרישער און קינסטלערישער טראַדיציע.

וואו איז דער בענקשאפט־מאטיוו אין אונזער לעבן? נעמט די לעגענדע פון די צוויי מדינות, מיט די צוויי פויגל, וואס בייגקען איינער נאכ'ן אנדערן און זוכן זיך ארום, אז ער און א זי, און זיי זיינען די איינ־נאכ'ן אנדערן, און זיי זינגען אויס אין ביידע עקן וועלט זייער ציקע פאר פון דעם מין, און זייער געזאנג הערט זיך אין אלע שטעט און דערפער, בייגקשאפט, און זייער געזאנג און זייער זוכן און גרויס און קליין וויינט מיט זיי. זייער געזאנג און זייער זוכן איז איינער פון די פיינסטע און שטארקסטע מאטיוון אין אונזער לעגענדע און וואס פאר א רייכער מאטעריאל פאר דיכטונג. עס איז אפשר אזוי רייך און שטארק ווי די ביינקשאפט, וואס דער דרום האט צום צפון. אונזערע דיכטער האבן דעם מאטיוו איגנאנצן פארזעען, ווייל ער ליגט פארבארגן אין חסידישע ביכלאך, אין ריטועלע גאטעס דינסטן און מוסר־ספרים. מיר, וואס יהודה הלוי האט אנגערופן „דאס הארץ פון דער וועלט", האבן פארגעסן פארטצוזעצן די גרויסע ביינקשאפט טראדיציע. מיר האבן פארגעסן ארייננעמען ניי בלוט אין די אלטע בענקשאפטן, און זיי געבן נייע עסטעטישע ווערטן. דער זעלבער היינישער מאטיוו פון דעם „אייכנבוים" איז דא אין דער חסידישער לעגענדע, נאר עס פעלט אים דער קאמף פאר פארמע, די סובטילע ראפינירטקייט פון דעם היינעשן מאטיוו וואס אונזערע היינטיקע דיכטער האבן אים געקאנט געבן.

ווארפט זיך, למשל, רוסלאנד צווישן דרום און צפון. ביינקט נישט, ווייל זי גלויבט נישט אין ווערטן בכלל. זיי זיינען גלייכגילטיס צום שיקזאל, ווייל זיי פארשטייען אים נים. ביי די רוסן זיינען קיין שטרעבונגען נישטא, נאר רעאקציעס צו פאסירונגען. נישט האלטנדיק פון שיקזאל אלס פאקטאר אין מענטשלאכן לעבן, האבן זיי נים קיין נויטווענדיקייטן און ממילא האבן זיי קיין דראמע נים.

וואו נעהערן מיר? מיר דוכט, אז מיר זיינען נעענטער צו די נארדישע פעלקער אין אונזער זוכן און בייגקען. מיר זיינען זיכער נים קיין רואיק־גאנץ פאלק מיט א קאמפלעט לעבן, און דאך האט דער ביינקעניש מאטיוו ביי אונז נים דערגרייכט דעם פיינעם עסטעטישן זין ווי ביי די דייטשן. עס קאן זיין, אז א ביסל שולדיק איז אונזער בליק אויף מזל אלץ א זאך, וואס קאן געענדערט ווערן דורך תפילה און תחנונים, דורך צדקה און מעשים טובים. אויך איז שולדיק אונזער משיח אידייע. דאס האט אונזער ביינקשאפט אפגעשטעלט. אויך טרינקט אונזער דיכטונג צופיל פון פרעמדע וואסערן. עס לויפן אין איר שטראמען פון פרעמדע ביינקשאפטן. אבער הויפטזאכלאך איז שולדיק דאס אבסאלוטע פעלן פון אן עסטעטישער טראדיציע אין אונזערע שאפונגען. ווען אונזערע דיכטער וואלטן עולה רגל געווען צו אונזערע אייגענע ירדנס און וואלטן

We have no esthetic tradition



באזוכט דעם עבר הירדן און וואלטן דיכטעריש געזען דעם בארג סיני אנשטאט די הימאלאיען, איך מיין קינסטלעריש געזען, און די אידישע לעגענדן געגעבן זייערע מאדערנע עסטעטישע ווערטן און איבערזעצונגען, וואלטן מיר געהאט צו איינהייטלאכע, אמת אידישע און דערפאר וועלט־לאכע ליטעראטור. דערצו איז נויטיק גלויבן, טראדיציע און א שיי[illegible]קייט געפיל. מיר האבן דאס. מען דארף בלויז קאארדינירן און ארייני[illegible]ען א אידיש מאדערנע עסטעטישע אינטערפרעטאציע. מען דארף [illegible] די גרענעצן פון די אידישע טראדיציאנעלע דיכטונגס־מאטיוון פאר[illegible]עצן אונזערע פיינע, עכט לירישע מאטיוון, מיט אונזער גאנצן מאדערנעם, עסטעטישן און אינדיווידועלן באגאזש צו דער טראדיציע, און פון דארט צוריק קומען באדייכערט און באצויבערט, און דאן וואלט אונזער געזאנג געווען א הילכיקער. ער וואלט איבערגעהילכט די ביינקשאפט פון אלע נארדישע פעלקער. מיר דארפן זיך ווענדן צו אונזערע אוראלטע קוואלן פון וואנען מיר קענען שעפן אמת גרויסע אידישע דיכטונג.

---

א. ש. שקאלניקאוו:

## אן דארט שטייט אונזער שול

(פון בוך „אין דעם טאטנס יארן").

אן דארט שטייט אונזער שול,
צווישן א סך געוויינלאכע מויערן — די שענסטע:
הויך געשטעלט, מיט שיינעם ציגל באלייגט,
מיט מארמארנע טרעפ צום דרויסן,
מיט הויכע שמאלע פענסטער,
וואס זיינען געפארמט נאך דער קירך.
און די שויבן זיינען פארטויבט
מיט אלערליי פארבן־טונקלקייט,
וואס קוקן שטום אין שיין צו דער וועלט.
אבער פוסט איז דארט א גאנצע וואך,
עס ווערט איר שיינקייט נים אפגענוצט,
עס ווערט דארט נים געזונגען קיין תפילות,
נים אין דער פרי, נים פארנאכט...
קיינער רופט אין איר נים ארייין דעם גאט,
פאר וועלכן זי איז אויסגעבויט געווארן —
ליגט גאט א גאנצע וואך אויפ'ן דאך
פון דער שיינער, הויכער, געשלאסענער שול
און ווארט א טרויעריקער אויפן שבת...